RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N.Y. 11213
493-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פּארקוויי
ברוקלין, נ.י.

ב"ה, ו' אדר ב', ה'תשמ"א
ברוקלין, נ.י.

כבוד הוו"ח אי"א נו"נ עוסק בצרכי צבור
מו"ה יהודא שרגא שי' גליזער
יושב ראש ועד חברה קדישא דריא דע זשאנעירא
ואתו עמו כל חברי הועד
כולם יעמדו על הברכה

שלום וברכה:

אייער בריוו פון ו' אדר ראשון איז ערשט איצט אנגעקומען, און ווי עס ווייזט אויס איז עס בעגאנגען מיט איינפאכער פאסט. יעדנפאלס וויל איך זיך באלד צו ענטפערן, נעמענדיג אין אכט די נויטיקייט פון דער זאך.

נאך דעם באשרייבן די פאזיציע פון דער חברה קדישא און איר פארצווייגטע טעטיקייט, אין צוגאב צו דער מצוה פון חסד של אמת; איבערגייענדיג צו דער פראגע פון רבנות אין ריא נאך דער פטירה פון הרה"ג והרה"ח וו"ח אי"א נו"מ עוסק בצרכי צבור הרב ירחמיאל בלומענפעלד ז"ל ע"ה - און דערמאנענדיג דערביי דעם בריוו פון הרה"ג והרה"ח וו"ח אי"א נו"מ עוסק בצרכי צבור הרב משה פיינשטיין שליט"א, דער נשיא פון אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה, אין צוזאמענהאנג דערמיט וואס דער עלטערער זון פון דעם נפטר ז"ל, אלס יורש, קאנדידירט אלס יורש פון כסא הרבנות, וכו' –

ווענדעט איר זיך צו מיר מיט דער בקשה אז איך זאל רעקאמענדירן א ממלא מקום וואס איז ראוי פאר דער רבנות פון דער קהלה קדישא אין ריא.

א. כאטש עס ווערט ניט דערמאנט אין אייער בריוו, אבער זיכער איז אייך באוואוסט, אז הרב ירחמיאל בלומענפעלד ז"ל פלעגט פון צייט צו צייט באזוכן ניו-יארק בכלל, און בא מיר (צו לאנגע יאר) בפרט, און מיר האבן געהאט לענגערע אונטערריידונגען וועגן עניני רבנות בכלל און עניינים פון זיין רבנות אין ריא בפרט, אריינגערעכנט אויך די העכסט וויכטיגע פראבלעמען ווי צו משפיע זיין אויף דער אידישער יוגנט אין דער איצטיגער תקופה. און דער נפטר ז"ל איז דאך געווען פון די בעסטע אויטאריטעטן צו באלייכטן דעם מצב אין ריא. און ווי איך האף האבן אונזערע שמועסן בלייבנדיגע געבראכט פאזיטיווע רעזולטאטן לטובת אחינו בני ישראל און די מוסדות אין ריא.

ב. ווי איר ווייסט, איז הרב יעקב ישראל שליט"א בלומענפעלד פון זיין פאטער געשיקט געווארן אין ניו-יארק צו לערנען אין היגע ישיבות יארן לאנג, און האט אויך באקומען סמיכות אויף רבנות. זעלבסטפארשטענדלעך, אז במשך פון די יארן האב איך נאכגעפאלגט אלע עניינים ביז אין זייערע פרטים, און ווען זיין פאטער פלעגט/ב.. באזוכן האבן מיר אויך גערעדט וועגן זיין זונ'ס (יבדל לחיים טובים) לערנען, סמיכות און צוגרייטונג צו רבנות וכו'.

ג. פון דאס אלעס איבערגעשריבענעם רעכן איך אז דאס גיט מיר א פולן בילד פון דעם אידישן מצב אין ריא (און אין דער מדינה) בכלל, און בפרט אין צוזאמענהאנג מיט דער רבנות. און באטשיונען עס רעדט זיך וועגן טובת היחיד און טובת הרבים איז דאך רבים קודמים, אבער גליק-לעכערווייז-איז דעם ענין קומען זיך ביידע צוזאמען. און דעריבער – באגרינדעט, ווי געזאגט, אויף מיין לאנגיאריקן אינטערעס און באקאנטשאפט מיט די אומשטענדן, און באגרינדעט אויף אייער אויסדריקלעכער בקשה, איז

דעם לשון פון אייער בריוו: "שיקן קיין ריא א רב מיט מעלות טובות וואס זאל זיין ראוי למלא המקום פונם חשובן נפטר אלעם הויפט רב פון ארטא-דאקסישן ראבינאט פון ריא", מיט אלע פונקציעס און פעולות וואס זיינען דערמיט פארבונדן –

בין איך צופרידן, און העכסט צופרידן, צו ענטפערן אויף אייער בקשה, אז די אלע תנאים וואס איר שרייבט וועלן זיכער ערפילט ווערן בעזר השי"ת דורך הרב יעקב ישראל שליט"א בלומענפעלד, און נאכמער ווי מ'קען זיך פארשטעלן. ווארום ווי בא יעדן רב, און בכלל בא יעדן אידן, האלט ער איך שטייגן מיט דער צייט אין אלע גוטע מעלות און ערפילן וואס בעסער און שלימות'דיגער זיין נשמה שליחות, וואס בא א רב איז דאס בעיקר פאר-בונדן מיט דער רבנות שטעלע וואס ער פארנעמט.

דערצו האט הרב יעקב ישראל שליט"א די מעלה וואס איר אונטערשטרייכט ספעציעל, און מיט רעכט, צו ענדע פון אייער בריוו, בנוגע ארבעט מיט דער יוגנט, וואס אין דעם האט ער געהאט ערפארונג במעשה בפועל אין די יארן פון זיין לערנען אין ניו-יארק.

ד. לויט ווי איר זייט מרמז אין אייער בריוו, איז בא מיר אן איינ-דרוק אז ס'איז דא אין ריא אידן וואס זיינען אין אנדער מיינונג (און אין דעם לשון פון אונזערע חכמים זכרונם לברכה "אין דיעותיהם שוות", וואס אזוי האט דער אויבערשטער באשאפן מענטשן און אידן אויך). איך בין אבער זיכער, אז גאר אינגיכן וועלן אויך זיי זיין איבערצייגט, אז זייערע חששות זיינען געווען אומבאגרינדעט, און וועלן זיין צופרידן ניט ווייניגער פון די אונטערשטיצער פון רבנות ראשית פאר הרב יעקב ישראל שליט"א, און אפשר נאך מער צופרידן – נאכן איבערצייגן זיך אין דעם.

דורך אגב, און אפשר איז דאס ניט דורך אגב, איז איך זיכער באוואוסט, ווי צו יעדן עסק ציבורי פארבונדן מיט רבנות, אז זייער אפט, במשך כמה וכמה דורות, איז ביים אנגעמען א נייעם רב געווען מער ווי איין קאנדי-דאט, און אין די ערשטע פאלן האט אויך דער צד שכנגד זיך איבערצייגט, אז זייערע חששות זיינען געווען גרונדלאז און זיי זיינען געווארן שטארקע אונטערשטיצער פון דעם אויסגעקליבענעם.

איך מוז אבער מוסיף זיין, אז אין די פאלן וואו ס'איז געווען א זון וואס האט געלערנט פיל יארן אין ישיבות און האט באקומען סמיכות און איז געגאנגען אין זיין פאטער'ס פוסטריט – איז נאר זעלטן, און גאר זעלטן, פארגעקומען דין-תורה'ס, און אין דיזע איבערוועגנדע צאל פון די דין-תורה'ס איז דער פסק-דין געווען, אז דער יורש זאל זיין דער ממלא מקום אין דער פולסטער מאס.

די דערמאנטע דין-תורה'ס זיינען דאך באשריבן אין די שאלות ותשובות צוזאמען מיט טענות אויך פון בעדייטנדע (און צוזאמען מיט דעם פסק-דין). און ווי געזאגט פריער, איז אין דעם פאל האבן זיי קיין ארט ניט.

און דערפאר דריק איך אויס מיין ברכת הצלחה, מיט אן ברכה מזל-טוב צו די באי-כח פון די אידן פון ריא, והנהלת חברה קדישא בראשם, פאר דעם מילוי מקום פון כסא הרבנות הראשית פון ריא דורך הרב יעקב ישראל בלומענפעלד שליט"א, אלס דער וואס וועט זיכער מצליח זיין אין דערפילן דעם חשובן תפקיד על צד היותר טוב דורך אויסנוצן די כוחות וואס דער אויבערשטער האט אים באשאנקען, צוזאמען מיט די כוחות וואס א יורש באקומט פון א מוריש, אין דער פולסטער מאס.

און אז דער רב צוזאמען מיט דער הנהלה פון דער חברה קדישא און אלע עסקנים פון דער קהילה קדישא פון ריא דע זשאנעירא זאלן מצליח זיין צו פארשטארקן און פארגרעסערן די קהילה דורך פארשפרייטן און פארשטארקן אידישקייט, תורה און מצוות, און משפיע זיין אין דער ריכטונג אין אלע קהילות אין בראזיל, און דאס אלעס מתוך שלום ושמחה וטוב לבב.

בכבוד ובברכת הצלחה
ובשורות טובות